# דער יידישער פילם

## דער קלאנגפילם

פון **דוד ראסקעס**
(מאנטרעאל)

נאכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז סיי די קוואנטיטעט און סיי די קוואליטעט פון יידישן פילם געפאלן. דער לעצטער יידישער קלאנגפילם איז ארוים אין 1950. „קעטסקיל האנימון" האט ער געהייסן, מיטן אנטייל פון אכצן „סטארס" פון דער יידישע בינע.

### פוילן.

פוילן איז אריינגעקומען שפעטער פאר אלע אין פרט פון ארויסגעבן א יידישן קלאנגפילם, אבער אחרון אחרון חביב. איין פילם האט איבערגעשטיגן דעם צווייטן.

דריי וויכטיקע דאקומענט־פילמען זיינען פראדוצירט אין פוילן אין יענער צייט. צוויי פון זיי האט געמאכט אלעקסאנדער פארד, דער גרעסטער פילם־רעזשיסער פון פארמלחמהדיקן פוילן. פארד (א ייד) האט אין 1934 געמאכט א פילם אין פאלעסטינע מיטן נאמען „סאברא", סצענאריא פון אלגא פארד און מרים סוכאוואסקי, מיטן אנטייל פון די שפילערס פון הבימה. דער פילם איז ארוים אין יידיש און פויליש. אבער פארדס מייסטערווערק איז געקומען אין 1936. מיט באגרענעצטע טעכנישע מיטלען און מיט די קינדער פון דער מעדעם־סאנאטאריע לעבן ווארשע, האט ער צוזאמענגעשטעלט דעם פילם „מיר קומען אן". די פוילישע שרייבערין וואנדא וואסילעווסקא צוזאמען מיט יעקב פאט האבן געשריבן דעם סצענאר. טשארלז רוסיאנאוו שרייבט וועגן דעם פילם אין „פארווערטס":

„אט שטייט א יינגעלע נאר וואס געקומען פון דער גרויסער שטאט, אנגעטאן אין א לאנגער קאפאטע, וועלכער וויל בשום אופן נישט מיטשפילן אין דעם פוסבאל פון די חברים. עס נעמט אבער נישט לאנג און ער ווערט נישט־ווילנדיק אריינגעצויגן אין שפיל, און ווארפט די פילקע מיט נאך מער חשק ווי די איבעריקע". (דעם 29־טן מערץ 1938).

דער פילם שילדערט ווי קינדער פון די ארעמסטע שיכטן אין ווארשע פארברענגען פאר א ווייל'ע אויף דער פרישער לופט אין דער מעדעם־סאנאטאריע, און ווי אזוי די קינדער אליין פירן אן מיט דער גאנצער ארבעט. „מיר קומען אן", פונקט ווי „די פוילישע וועלדער", איז געפאלן א קרבן פון דער רעאקציע אין פוילן. די פוילישע רעגירונג האט פארבאטן צו ווייזן דעם פילם פארן ברייטן עולם.

דער דריטער פילם „אין קאמף פארן געזונט" (פראדוצירט פון „טאז"-צענטראלע), איז א פראפאגאנדע־פילם צו פארשפרייטן די „טאז"-אידעע צווישן די ברייטע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג.

סוף 1936 און אין משך פון 1937 זיינען אין פוילן ארוים די ערשטע פון דער סעריע יידישע קונסט־פילמען: „יידל מיטן פידל" מיט מאלי פיקאן אין דער הויפטראל; „דער דיבוק" לויט ש. אנ־סקי; „דער פורים־שפילער" מיט מרים קרעסין, זיגמונד טורקאוו און היימי דזשייקאבסאן; „דער יידישער קעניג ליר" לויט יעקב גארדינען.

ס'איז כדאי זיך אפצושטעלן אויף איין פילם אין דער גרופע, „דער דיבוק". ער איז פארעכנט נישט נאר ווי דער גרעסטער יידישער פילם־פראדוקט, נאר אויך ווי איינער פון די גרעסטע פילמען אין דער געשיכטע פון פילם (זע די ביבליאגראפיע). דער דאזיקער פילם איז געמאכט געווארן מיט א קליינעם בודזשעט. פיל סצענעס זיינען פאבריצירטע, נישט אמתע. כמעט דער גאנצער פילם איז געמאכט געווארן אין שטעטל קוזמיר „מיט די שמאלע אלטע געסלעך און מיט דער ספעציפישער ארכאישער האלץ־ארכיטעקטור, און איז א פרעכטיקער הינטערגרונט פאר אנסקיס דראמאטישער לעגענדע" (מ. פילמיקוס, אין „ליטעראַרישע בלעטער", נומער 29, 1937). הענעך קאן, וואס האט געשריבן אין די „ליטעראַרישע בלעטער" (נומער 30, 1937):

„מיר איז שוין אויסגעקומען צו ארבעטן ביי דריי יידישע פילמען. איך האב אויך געהאט די געלעגנהייט צו אבסערווירן ביים דרייען אייניקע פוילישע פילמען, אבער אין ערגעץ האב איך נישט געזען אזא ברייטן און ערנסטן פארנעם, ווי ביי דעם „דיבוק"-פילם. מען האט אנגאזשירט דעם בעסטן אקטיארן־מאטעריאל, וואס מיר פארמאגן, און יעדער איז צוגעפאסט צו דער ראל וואס ער שפילט".

פאר דער בעטלער־סצענע האט דער רעזשיסער מיכאל וואשינסקי באנוצט אמת'ע בעטלערס, און זיי געלאזט אימפראוויזירן. ער האט טאקע אויסגעקליבן די סאמע סמעטענע צו מאכן זיין פילם: פון אקטיארן אברהם מארעווסקי (דער צדיק), ר. סאמבערג (משולח) און מ. ליבמאן (בעל־הגלה) דעם סצענאר האט געשריבן אלטער קאציזנע. איך וואלט געבראכט רעצענזיעס פון דעם „דיבוק", אבער כ'האלט אז ווערטער קענען נישט באשרייבן דעם פילם. מען מוז אים אליין זען. און גראד פון דעם פילם זיינען פארלוירן געגאנגען די נעגאטיוון. די געבליבענע פאזיטיוון זיינען צום מערסטן שטארק אפגעניצטע און טיילווייז באשעדיקט.

אין פוילן האט מען שוין פארשטאנען דעם אונטערשייד צווישן פילם און טעאטער. נאר אין א פילם קען מען באנוצן בעטלער און קינדער צו שפילן זיך אליין. נאר דורך פילם קען מען שאפן א דיבוק וואס איז רעאליסטיש — א דיבוק, וואס מען קען ממש זען. זיי האבן גענוצט די נייע קונסטן פון פאטאגראפיע, זיי האבן אין גאנצן איבערגעשריבן די בינע פיעסעס זיי צוצופאסן צו דער פילמטעכניק. ווען מען האט געדארפט האבן א שטעטל, האט מען עס אויסגעבויט (פארן פילם „פורים־שפילער" האט מען אויסגעבויט א שטעטל אין מיטן ווארשע)! נישט אומזיסט האבן די פוילישע קולטור־טוערס פאר דער מלחמה גערופן די פילם־פראדוצירערס פון פוילן זיך אפצולערנען פונעם יידישן פילם.

אין פוילן האט דער יידישער פילם דערגרייכט די סאמע הייכן פון זיין קאריערע.

במשך פון פופציק יאר האט זיך א נייע קונסט אנטוויקלט אין דער יידישער וועלט; א מאדערנע קונסט — די קונסט פון 20־טן יארהונדערט.

יידן ווי א מיעוט, האבן געשפילט א געוואלדיקע ראלע אין דער דאזיקער קונסט. אין פוילן האט מען פון 1920 ביז 1939 פראדוצירט פון צען ביז פינף און צוואנציק פילמען א יאר. א פערטל פון די פילמען זיינען געווען יידישע. יידיש איז די צווייטע שפראך אויף דער וועלט וואס אין איר האט מען געמאכט אן אמת'ן קלאנגפילם (זע קלאנגפילם — אמעריקע").

געוויס האט דער יידישער פילם געהאט זיינע שוואכקייטן. אבער מיר טארן נישט גלייך באשולדיקן דעם יידישן פילם און אים שפייען אין פנים אריין. מיר מוזן פארשטיין אין וואס פאר א שווערע באדינגונגען אים איז באשערט געווען אויפצוקומען.

פאר אונדז יוגנט איז דער יידי־

# ...ילם

...ן־פילם צו פארשפרייטן די
...״־אידעע צווישן די ברייטע
...ן פון דער יידישער באפעלקע־

...ר 1936 און אין משך פון 1937
... אין פוילן ארוים די ערשטע
...ער סעריע יידישע קונסט־פיל־
... „יידן מיטן פידל" מיט מאלי
... אין דער הויפטראל; „דער
...״ לויט ש. אנ־סקין; „דער פו־
...שפילער" מיט מרים קרעסין,
...נד טורקאוו און היימי דזשיי־
...אן; „דער יידישער קעניג ליר"
... יעקב גארדינען.

...איז כדאי זיך אפצושטעלן אויף
...פילם אין דער גרופע, „דער די־
... ער איז פארעכנט נישט נאר
...ער גרעסטער יידישער פילם־
...וקט, נאר אויך ווי איינער פון
...עסטע פילמען אין דע רגעשיכ־
...ן פילם (זע די ביבליאגראפיע).
...דאזיקער פילם איז געמאכט גע־
... מיט א קליינעם בודזשעט. פיל
...עם זיינען פאבריצירטע, נישט
...ע. כמעט דער גאנצער פילם איז
...כט געווארן אין שטעטל קוז־
... „מיט די שמאלע אלטע געסלעך
... מיט דער ספעציפישער ארכאי־
... האלץ־ארכיטעקטור, און איז א
...טיקער הינטערגרונט פאר אנ־
... דראמאטישער לעגענדע" (מ.
...יקוס, אין „ליטעראַרישע בלע־
... נומער 29, 1937). הענעך
...וואס האט געשריבן אין די „לי־

טעראַרישע בלעטער" (נומער 30,
1937):

„מיר איז שווין אויסגעקומען צו
ארבעטן ביי דריי יידישע פילמען.
איך האב אויך געהאט די געלעגנ־
הייט צו אבסערווירן ביים דרייען
אייניקע פוילישע פילמען, אבער אין
ערגעץ האב איך נישט געזען אזא
ברייטן און ערנסטן פארנעם, ווי ביי
דעם „דיבוק"־פילם. מען האט אנ־
גאזשירט דעם בעסטן אקטיארן־מא־
טעריאל, וואס מיר פארמאגן, און
יעדער איז צוגעפאסט צו דער ראל
וואס ער שפילט".

פאר דער בעטלער־סצענע האט
דער רעזשיסער מיכאל וואשינסקי
באנוצט אמת'ע בעטלערס, און זיי גע
לאזט אימפראוויזירן. ער האט טא־
קע אויסגעקליבן די סאמע סמעטענע
צו מאכן זיין פילם: פון אקטיארן
אברהם מארעווסקי (דער צדיק, ר.
סאמבערג (משולח) און מ. ליבמאן
(בעל־הגלה) דעם סצענאר האט גע־
שריבן אלטער קאציזנע. איך וואלט
געבראכט רעצענזיעס פון דעם „די־
בוק", אבער כ'האלט אז ווערטער
קענען נישט באשרייבן דעם פילם.
מען מוז אים אליין זען. און גראד
פון דעם פילם זיינען פארלוירן גע־
גאנגען די נעגאטיוון. די געבליבענע
פאזיטיוון זיינען צום מערסטן שטא־
רק אפגעניצטע און טיילווייז בא־
שעדיקט.

אין פוילן האט מען שוין פאר־
שטאנען דעם אונטערשייד צווישן
פילם און טעאטער. נאר אין א פילם
קען מען באנוצן בעטלער און קינ־
דער צו שפילן זיך אליין. נאר דורך
פילם קען מען שאפן א דיבוק וואס
איז רעאליסטיש — א דיבוק, וואס
מען קען ממש זען. זיי האבן גע־
נוצט די נייע קונסטן פון פאטאגרא־
פיע, זיי האבן אין גאנצן איבערגע־
שריבן די בינע פיעסעס זיי צוצופא־
סן צו דער פילמטעכניק. ווען מען
האט געדארפט האבן א שטעטל,
האט מען עס אויסגעבויט (פארן
פילם „פורים־שפילער" האט מען
אויסגעבויט א שטעטל אין מיטן וואר
שע)! נישט אומזיסט האבן די פוילי־
שע קולטור־טוערס פאר דער מל־
חמה גערופן די פילם־פראדוצירערס
פון פוילן זיך אפצולערנען פונעם
יידישן פילם.

אין פוילן האט דער יידישער פילם
דערגרייכט די סאמע הייכן פון זיין
קאריערע.

במשך פון פופציק יאר האט זיך
א נייע קונסט אנטוויקלט אין דער
יידישער וועלט; א מאדערנע קונסט
— די קונסט פון 20־טן יארהונ־
דערט.

יידן ווי א מיעוט, האבן געשפילט
א געוואלדיקע ראלע אין דער דאזי־
קער קונסט. אין פוילן האט מען פון
1920 ביז 1939 פראדוצירט פון
צען ביז פינף און צוואנציק פילמען
א יאר. א פערטל פון די פילמען זיי־
נען געווען יידישע. יידיש איז די
צווייטע שפראך אויף דער וועלט
וואס אין איר האט מען געמאכט אן
אמת'ן קלאנגפילם (זע קלאנגפילם—
אמעריקע").

געווים האט דער יידישער פילם
געהאט זיינע שוואכקייטן. אבער מיר
טארן נישט גלייך באשולדיקן דעם
יידישן פילם און אים שפייען אין
פנים אריין. מיר מוזן פארשטיין אין
וואס פאר א שווערע באדינגונגען
אים איז באשערט געווען אויפצוקו־
מען.

פאר אונדז יוגנט איז דער יידי־
שער פילם כמעט אזוי וויכטיק ווי
די יידישע ליטעראטור. דורכן פילם
זעען מיר דאס יידישע לעבן פון א
מאל. מיר זעען די שטעטלעך, די
חדרים, די מארקן, די טיפן, די פרא־
בלעמען פון דער פארגאנגענער
וועלט. א מאל איז דער אמת באהאל־
טן הינטער מעלאדראמע און מוזי־
קאלישע שטיק, אבער געפינען קען
מען אים דאך. דער יידישער פילם
ברענגט אונדז צוריק אין א וועלט,
וווּ יידישקייט איז געווען א יש, ניט
עפעס וועגן וואס מען שרייבט. דאס
איז א וועלט, ווו מען האט געלעבט
און געטראכט יידיש. פון דער דאזי־
קער וועלט שטאמען מיר, און עס
איז אונדזער חוב זיך צו באקענען
מיט די ווארצלען אונדזערע.

די מעשה פונעם יידישן פילם איז
א טרויעריקע, אבער איינע וואס
מיט איר קענען מיר יידן זיין
שטאלץ.

(פון זשורנאל „יונגטרוף")

# קאַלטס און וואַרעמס פון קאַנאַדע

די אידישע יוגענט־אָרגאַניזאַציע פאַר אידיש, וואָס איז געבוירען געוואָרען אין קאַנאַדע. — אוק
פון דער צווייטער לאַנד־קאָנפערענץ פון „יוגענט רוף" אין ניו יאָרק. — די איניציאַטיווע פון ש
אַרבעטער קאָמיטעט אין קאַנאַדע איינצופירען דעם אידיש־לימוד אין די עפענטליכע ש
מאָנטרעאָל. — די קריטיק פון „קאַנאַדער אידישען קאָנגרעס". — אויב מיר שווייגען, דאַ
„מיטשווייגען". — די זעלבע אידען פאָדערען רעכט פאַר אידיש אין סאָוועט־רוסלאַנ

א סך ניו יאָרקער ווייסען, אַז
ען עס ווערט אין דרויסען מיט־
מאָל גאַנץ קאַלט, האָבען זיי עס
עווינליך צו פאַרדאַנקען קאַנאַדע.
פטמאָל וואָרענט זיי וועגען דעם
אַציייטענס דער וועטערמאַן: „עס
עהט אַ קאַלטע כוואַליע פון קאַנאַ־
ע". ווייניג ניו־יאָרקער, אָבער,
וייסען, אַז קאַנאַדע שיקט אויך
אַהער וואַרימע כוואַליעס. צו דער
דאָזיגער קליינער צאָל ניו־יאָרקער
בעהערט אויך דער שרייבער פון די
שורות. אָט האָב איך היינטיגע וואָך,
אין אַ קאַלטען ווינטער־טאָג, גע־
פילט אויף זיך אַ וואַרימע כוואַליע
פון קאַנאַדע. דאָס איז געווען אויפ'ן
צווייטען יערליכען צוזאַמענפאָר פון
„יוגענטרוף", וואָס איז אָפּגעהאַל־
טען געוואָרען דעם לעצטען זונטאָג
אין ניו יאָרק.

די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע, וואָס
איר אויפגאַבע איז צו דערנענטערען
אידישע יוגענט צו אידיש און צו
די אידישע קולטור־ווערטען, איז
פאַקטיש געבוירען געוואָרען אין
מאָנטרעאַל, קאַנאַדע. פאַרהאַן אַ
גאַנצע רייהע סיבות (מיר וועלען
וועגען זיי נאָך רעדען שפּעטער),
וואָס האָבען גורם געווען, אַז קאַנאַ־
דע און טאַקע, דער עיקר, מאָנט־

אָפּגענאַרט. זי בליט היינט צווישן
די יוגענטליכע אַ סך מער, ווי מיט
צוואַנציג יאָר צוריק".

דאָס איז טאַקע געווען די הויפּט־
טענה, אויף דער קאָנפערענץ: עס
ווערט אין אַמעריקע אַלץ בעסער
דער קלימאַט פאַר אידיש; עס
וואַקסט די חשיבות פון אידיש
סיי אין דער אַקאַדעמישער וועלט,
סאַי צווישען די אָפּגעפרעמדטע
אידען, אָבער פון בלויזען קלימאַט
וועט מען נ י ט קענען לעבען.
אַמבעסטען גיט זיך וועגען דעם אָפּ
אַ חשבון דער פויער, דער פאַרמער.
ווי וויכטיג עס איז ניט ביי אים
דער קלימאַט, וועט ער זיך אָבער
קיינמאָל ניט אינגאַנצען אויף אים
פאַרלאָזען. ער ווייס: צום קלימאַט
דאַרף מען אַקערן, זייען. ערשט דער־
נאָך קען מען האָפען אויף אַ גוט
גערעטעניש.

און אין דעם פאַל מיינט אַקערן
און זייען — צוגרייטן ל ע ר ע ר,
ל ע ר ע ר און ווידער אַמאָל —
ל ע ר ע ר.

אַ היבשע צאָל נייע אידיש־
וועלטליכע שולן וואָלטן צום היינטי־
גען זמן געקענט געעפענט ווערן,
און אויב זיי זיינען ניט געעפענט
געוואָרען, איז די סיבה געווען ניט
ווייל עס האָבען געפעלט קינדער,
נאָר — לערער.

די אידעאַליסטישע יונגע אידען פון
„יוגענטרוף" צו ווערען לערער און
בויער פון פולע אידישע שולען אין
אַמעריקע.

איך צווייפעל, צי ביי די איצטיגע
גרויסע מעגליכקייטען פאַר דער אי־
דישער יוגענט אין אַמעריקע, וועלן
אַ סך פון זיי אפילו פון די מיט אַ
פּאָזיטיווער באַציהונג צו אידיש,
האָבען גענוג כוח פאַרבייצוגעהן
פאַרביי די אָפענע, לאָקענדיגע
טויערן פון די גרויסע אַמעריקאַנער
לערן אַנשטאַלטען און פאַרשונגס־
אינסטיטוציעס, מלוכה'שע און פּריי־
וואַטע, און פאַרקערעווען אין דעם
באַשיידענעם געסל, וואו עס געפינט
זיך די בידנע א י ד י ש ע שול.
עס איז אַ גרויסער נסיון און כדי
בייצושטעהן גרויסע נסיונות, פאַ־
דערט זיך גרויסער אידעאַליזם.

פאַרדינט טאַקע ביי דער געלע־
גענהייט באַזונדער דערמאָנט צו
ווערן די ניו יאָרקער גרופּע פון „יו־
גענטרוף". מאַנכע פון זיי האָבן זיך
יאָ פאַרקערעוועט אין אָט דעם באַ־

דען מיט די פאַרלויפיגע רעזולטאַ־
טען און די דאָזיגע אומצופרידענ־
קייט איז געקומען צום אויסדרוק
אין דער דיסקוסיע אויף דער קאָנ־
פערענץ. אָבער אויך די אומצופרי־
דענקייט האָט געוואַרימט. עס איז
געווען, ווי איך וואָלט געזאָגט, אַ
פּראָדוקטיווע אומצופרידענקייט.

* * *

און איצט קומען מיר צוריק צו
דעם גינסטיגען קלימאַט פאַר אידיש
אין קאַנאַדע, דער עיקר, אין דער
פּראָווינץ קוויבעק, וואָס איר גרעס־
טע שטאָט איז גלייכצייטיג די
גרעסטע שטאָט פון לאַנד און אויך
איר גרעסטע אידישע קהילה —
מאָנטרעאַל.

קוויבעק האָט, ווי באַוואוסט, אַ
גרויסע פראַנצויזיש־רעדענדיגע באַ־
פעלקערונג, וועלכע איז די לעצטע
יאָרען אַלץ אויסגעשפּראָכענער אין
איר פאָדערונג צו פאַרברייטערען די
אָפיציעלע רעכט פון פראַנצויזיש
און פון דער פראַנצויזישער קול־
טור אין דער פּראָווינץ. דער קאַנאַ־

Saturday, January 1, 1966

פון
ב. שעפנער